(C) Copyright 2000 Artists For Israel.
פיליפע בריוו
1 פולוס און טימאטיוס די משרתים פון ישוע המשיח צו די אלע מאמינים אין
ישוע המשיח וועלכע זיינן אין פיליפיי צוזאמען מיט די משגיחים און די שמשים.

2 חסד אויף אייך און שלום פון ג-ט אונזר פאטער פון דעם האר ישוע המשיח.

3 איך דאנק ג-ט ווען איך דאמאן זיך פון אייך.
4 אלעמאל אין יעדער פון מיינע תפילות פאר אייך אלעמען מיט א שמחה,
5 פאר אייער פריינטשאפט אין דער גוטע בשורה פון דעם ערשטן טאג ביז יעצט:

6 זייענדיק זיכער אין דער דאזיקער זאך אז דער וועלכער האט אנגעהויבן אין
אייך א גוטער ארבעט,וועט ממשיך זיין טון ביז דעם טאג פון דעם משיח ישוע.
7 הגם עס איז רעכט אזוי צו טראכטן אזוי וועגן אייך,ווייל איך האב אייך
ביי מיר אין הארצאיר זייט אלע אנטיילנעמער צוזאמען מיט מיר אין ממיןנע
קייטן ווי אויך אין דער פארטייטונדיגונג און אין דער באפעסטונג פון דער גוטע
בשורה,זייט איר אלע שותפים אין מיין חסד.
8 ווייל ג-ט איז מיין עדות ווי שטארק אך בענק נאך אייך אין די יסורים דא
אין ירושלים.
9 און איך בין מתפלל אזוי אז אייערע ליבע וועט זיך פארגרעסערן מער און
מער אין יעדער חכמה און תבונה.
10 כדי אז איר זאלט אנעמען דאס וואס איז גוט און אז איר זאלט זיין ערנסט
און אן עוולות ביז צום טאג פונם משיח:
11 זייענדיק פול מיט די פירות פון צדקות וואס זיינן דורך ישוע המשיח צו

ג-טס כבוד און לויב.
12 אבער איך האב געוואלט אז איר זאלט פארשטיין איין
זאך,ברידער,אז דאס
וואס האט מיר פאסירט  איז געווען צום בעסטן כדי צו
ווייטערפארשפרייטן דער
בשורה טובה.
13 אז מיינע קייטן  אינם משיח זיינן אנערקענט ביי אלעמען אין דער
פאלאץ
און אין אלע אנדערע ערטער.
14 און אסאך פון די ברידער אין דעם האר זיינן פארשטארקט
געווארן דורך מיינע
קייטן  און זיינן  מער  מוטיקט צו  דרשנן ג-טס ווארט אן פחד.
15 אייניקע טאקע  דרשנן ווען ישו צוליב קנאה און געצאנק:און
אאייניקע
פון גוטן ווילן:
16 די  וועלכע  דרשנן פון משיח מיט מחלוקת און נישט מיט
ערנסטקייט ,מיינענדיק
אז זיינן מיר גורם  נאך מער יסורים  אין מיינע קייטן.
17 אבער די אנדערע וועלכע  דרשנן פון ליבע ,וויסינדיק אז איך בין
באשטימט
געווארן  צום פארטיידיגן די בשורה טובה.
18 דעריבער וואס?על כל פנים ,אין יעדער וועג,צו מיט
פארשטעלקייט צו אויף
אן אמת,דער משיח ווערט אויסגערופן:דעריבער איך פריי מיך און איך
וועל זיך
פרייען נאך.
19 ווייל איך וויס אז דאס וועט אויספאלן צו מיין ישועה דורך
אייערע תפילות
און דער הילף פון ישוע המשיחס גייסט.
20 לויט מיינע ערנסטער  דערווארטונג און האפענונג,אז איך זאל
נישט זיין
פארשעמט מיט גארנישט,נאר אין  יעדער מוטקייט ,ווי אלעמאל,דער
משיח וועט זיין
פארהערליכט אין מיין לייב,סיי דורכן לעבן און סיי דורכן טויט.
21וויל פאר מיר לעבן איז דער משיח און שטארבן איז א געווינס.
22 נאר אויב איך לעב אינדעם פלייש,איז דאס דאזיקע פרוכט פון
ארבעט,אבער
איך וויס נישט  וואס איך זאל אויסוויילן.

23 ווייל איך בין אין א פלאץ צווישן צוויי:האבענדיק א רצון צו שטארבן
און צו זיין מיטן משיח,וואס איז פיל בעסער:
24 אף על פי כן,צו לעבן איז פאר אייך מער נויטיק.
25 און איך בין זיכער אז איך וועל בלייבן און זיין מיט אייך אלעמען צו
פארשטאקן אייך און פאר אייער שמחה אין דער אמונה.
26 כדי אז אייער שמחה זאל זיך מערען אין ישוע המשיח דורך מיין קומען
צו אייך.
27 נאר זאל אייער רעדן זאל זיין ווי עס פאסט דער גוטער בשורה פונם משיח:צו
אויב איך קום צו אייך אדער נישט,איך זאל קענן הערן פון אייערע מעשים אז איר
שטייט פעסט אין איין גייסט מיט אחדות ,שטעבן צוזאמען פאר פאר דער אמונה
פון דער בשורה טובה.
28 און זייט גארנישט אנגעשראקן פון די שונאים,צו וועמען דאס איז א צייכן
פון ווערן פאלוירן נאר פאר אייך א ישועה ,און פון ג-ט.
29 ווייל צו אייך איז געגעבן געווארן דורך דעם משיח,נישט נאר צו גלויבן
אין אים,נאר אויך צו ליידן צוליב אים.
30 האבענדיק דעם זעלביקן קאמף וואס איר האט געזען אין מיר,און יעצט הערט
אז עס איז מיר.

## קאפיטיל 2

1אויב וועט דעריבער זיין א נחמה אינם משיח ,אויב מיטגעפיל פון ליבע,אויב
א רוחניותדירק חברשאפט,אויב רחמים און באמהערציקייט,
2 מאכט מיר שמחהדיק אז איר זאלט טראכטן פון די זעלביקע,האבענדיק די זעלביקע
ליבע זייענדיק באחדות מיט איין מיינונג.
3 זאלט איר גארנישט טון דורך מחלוקת און פוסטע גאווה:אבער מיט הכנעה ,זאלט

יעדער איינער  האלטן דעם אנדערן בעסער ווי זיך אליין.
4 נישט  פאסן אויף זיין  אייגענע זאכן  אבער יעדער  זאל אויך אויף די זאכן
פון אנדערע.
5 איר זאלט  האבן אזא מיינונג  וואס איז געווען אויך אין ישוע המשיח.
6 וועלכער זייענדיק אין דעם געשטאלט פון ג-ט,האט נישט געמיינט אז עס איז
א חזקה פעסטצוהאלטן גלייך  צו ג-ט.
7 אבער האט זיך געמאכט ווי גארנישט און האט גענומען דאס געשטאלט פון אן
עבד,און איז געמאכט געווארן אין דער צורה פון מענטשן:
8 און זייענדיק ווי א מענטש ער האט זיך נידיריק געהאלטן און איז געהארכזאם
געווען ביז צום טויט,דעם טויט אויפן קרייץ.
9 דערפאר האט ג-ט אים זער געהייכט  און האט אים א נאמען געגעבן העכער פון
אלע נעמען.
10 אז אין ישועס נאמען יעדער קני זיך בייגן,אלע אין הימל,און אלע אויף
דער ערד,און אלץ אונטער דער ערד.
11 און יעדער  צונג זאל מודה זיי אז ישוע המשיח איז האר,צום כבוד פון ג-ט
דעם פאטער.
12 דעריבער, מיינע געליבטע,ווי איר האט אלעמאל געהארכט,נישט נאר ווען אך
בין געווען,נאר  נאך מער ווען איך בין אוועק,אזוי ארבעט אויס אייער אייגענע
ישועה מיט  יראה און ציטערניש.
13 ווייל עס איז ג-ט וועלכער  ווירק אין אייך צו ועלן און צו טון זיין רצון.
14 טוט אלץ און מורממלען און מחלוקת
15 כדי אז איר זאלט זיין אומשולדיק און  תמימותדיק ,די זין פון ג-ט אן,
א מום  אין מיטן א פארקרומט און פארדרייטער דור,צווישן וועמען איר שיינט
ווי ליכט אין דער וועלט.
16 האלטענדיק פעסט דאס ווארט פון לעבן,כדי איך זאל פרייען אינם

טאג פון
משיח,אז איך בין נישט געלאפן אומזיצט אדער אומזיצט געארבעט.
17 נאר אויב איך בין א קרבן און עבודה פון אייערע אמונה איך פריי מיך
צוזאמען מיט אייך אלעמען.
18 און אין דער זעלבער וויז זאלט איר זיך פרייען צוזאמען מיט מיר.
19 און איך האף אינם האר ישוע צו שיקן טימאטיוס צו אייך אין גיכן כדי
איך זאל זיין בארואיקט ווען איך ווייס אייער מצב.
20 ווייל איך האב קיינעם וועלכער איז גלייך צו אים אין גייסט ווער וועט
אויף אייך זארגן
21 ווייל אלע זוכען זייערע אייגענע ענינים און נישט די ענינים פון ישוע
המשיח.
22 אבער איר ווייסט זיין ווערט אז ער האט געדינט מיט מיר אין דער גוטע
בשורה אזוי ווי א זון מיט זיין פאטער .
23 דעריבער האף איך צו שיקן אים אזוי גיך ווי איך זאל דעוויסן וואס וועט
זיין מיט מיר.
24 אבער איך האב בטחון אינם האר אז איך זאל ויך קומען באלט.
25 אבער איך מיין אז עס איז נויטיק צו שיקן אייך עפאפרודאיטוס מיין ברודער
און מיטארבעטער און מיטקעמפער ,אייער שליח ווי ער איז מיין העלפער אין מיין
נויט.
26 ווייל ער האט געבענקט נאך אייך און האט זיך שטארק מצער געווען אז איר
האט געהערט אז ער איז קראנק געווען.
27 ווייל ער איז באמת געווען טויט קראנק ,אבער ג-ט האט רחמנות געהאט אויף
אים ,נישט נאר אויף אים נאר אויף מיר אויך טאמיר איך זאל האבן טרויער אויף
טרויער.
28 איך שיק אים דעריבער מיט חשק ,כדי אז ווען איר וועט אים נאכעמאל זען,
איר וועט זיך פרייען און איך וועל זיין ווייניקע פארדאגעט.

29 נעמט אים אויף דעריבער אינם האר מיט א גרויס שמחה,און זייט
אים מכבד:

30 ווייל ער איז  שיר געשטארבן  אין דינסט פונם משיח,און האט
נישט געזארגט
פאר זיין איגגענער לעבן כדי מיר צו באזארגן וואס האט מיר געפעלט
אין אייער
באדינונג פאר מיר.

קאפיטל 3

1 לעסטלעך,מיינע ברידער פרייט זיך אינם האר.שרייבן די זעלביקע
ווערטער
צו אייך איז נישט א שווערקייט פאר מיר און פאר אייך עס איז מער
זיכער.
2 היט זיך אפ פון די כלבים,היט זיך פון רשעים,היט זיך פון דער
קערפלעכער
באשניידונג.

3 ווייל מיר זיינן  באשניידונג וועלכע דינן ג-ט אינם גייסט ,און פרייען
זיך אין ישוע המשיח  און האבן קיין בטחון נישט אויף די
גשמיותדיקע.
4 הגם איך האב געקענט האבן בטחון אויך די גשמיותדיקע.אויב
איינער מיינט
אז ער  קען האבן בטחון  אויף דער  גשמיותדיקע ,קען איך פיל מער.
5  איך בין געווען געמלט דעם אכטן טאג, איך בין פון זרע ישראל,פון
שבט
בנימין,אן עברי פון די עברים ,און  א פרוש לויט דער תורה.
6 וועגן קנאות,איך האב גערודפט דער קהילה,און  אין דער צדקות
וואס קומט
פון דער תורה,בין איך געווען אן א מום.
7 אבער די זאכן וואס זיינן געווען א געווינס פאר מיר,האבמ איך זיי
געהאלטן
אלץ א פארלוסט פאר משיחוס וועגן.
8 יא,איך האלט טאקע אלץ ווי פארלוסט  פאר די זכיה צו קענן משיח

ישוע מיין
האר פאר ווען איך  האב אלץ פארלארין און איך האלט זיי אלץ
מיסט כדי איך
זאל געווינען משיח.
9 און זיין אין אים געפונן ,נישט האבן מיין אייגענע צדקות
וועלכער איז
פון דער תורה,אבער וואס איז דורך דער אמונה אין משיח,די צדקות
וואס איז פון
ג-ט דורך אמונה .
10 כדי איך זאל אים קענן ,און די מאכט פון זיין אויפשטיין פון די
טויטע
און די קשר מיט זיין ליידן ,ענליך ווערענדיק מיט זיין טויט.
11 אפשר וועל איך קענן דעגרייכן צו תחית המתים.
12נישט אז איך האב שוין דעגרייכט צו איל בין שוין  פערפעקט
געווארן,אבער
גיי נאך אפשר וועל איך פארשטטין  אזוי ווי איך בין פארשטאנן ביי
משיח ישוע.

13 ברידער,איך האלט זיך נישט אלץ איינער צו פארשטיין :אבער איין
זאך טו
איך ,איך פארגעס פון די זזינן פארגאנגן און איך דעגרייך די זאכן
וועלכע זיינן
פאר מיר.
14 איך יאג נאך  צום ציל נאך דעם שכר פון ג-טס הויכער  בארוף
אינם משיח
ישוע.
15 זאלן,דעריבער,אלע וועלכע זיינן פערפעקט ,לאמיר זיך אזוי
טראכטן ,און
אויב איר טראכט פארקערט,ג-ט וועט אפילו דאס צו אייך מגלה זיין.
16 דאך,מיר האבן שוין דאס  דערגרייכט,לאמיר  גיין לויט דעם.
17 ברידער,זייט זייט מיינע נאכפאלגער צוזאמען מיט מיר און
פארקוקט זיך
אויף די וועלכע  וואנדלן אזוי ,ווי איר האט  אונז אלץ א  ביישפיל.
18 איך האב אייך געזאגט און יעצט זאך איך מיט טרערן,אז א סך
וואנדלן  אבער
זיי זיינן שונאים פון דער קרייץ פון דער משיח.
19 וועמענס סוף איז פארדארבונג,וועמענס גאט איז זייערע בויך,און
זייער

רום איז זייער חרפה,זיי טראכטן נאר פון גשמיות.
20 ווייל אונזער בירגער רעכט איז אין הימל פונוואנן מיר מיר דערווארטן
דעם גואל, דעם האר ישוע המשיח.
21 ווער וועט איבעראנערשין אונזער קערפער כדי עס זאל זיין אזוי ווי זיין
גוף פון כבוד לויט דער קראפט מיט וועלכער עס קען אלץ אונטעטעניקן צו זיך אליין.

## קאפיטל 4

1 אלזו מיינע טייערע ברידער ווענמען איך בענק נאך,מיין נחת און ממין קרוין,שטטיט
פעסט איןמ דעם האר,ליבע ברידער .
איך בעט יודיוס און איך בעט אויך ביי סינטשע אז איר זאלט זיין איינשטימונג
אינם האר.
3 און איך בעט אייך אויך מיינע געטרייע מיטארבייטער אז איר זאלט העלפן
די פרויען וועלעכע האבן געארבעט צוזאמען מיט מיר אין דער גוטע בשורה און
איוך מיט קלעמענט און מיט אנדערע מיטארבייטער וועמענס נעמען זיינן איינגעשריבן
אין דער ספר החיים.
4 פרייט זיך תמיד אינם האר און נאכמאל הייס איך צו פרייען.
5זאלט אייער איידעלקייט ווערן באקאנט צו אלעמען.דער האר איז אט דא.
6 זארגט נישט פאר גארנישט,אבער דורך תפילה און בקשות מיט לויב זאלט איר
אלע אייערע צורכים ווערן דערמאנט פאר גאט.
7 און דער שלום וואס איז העכער פון אלע פארשטאנד זאל אייערע מחשבות און
הערצער פעסטהאלטן דורך משיח ישוע.
8 און צום שלאס ,ברידער אלס ואס איז אמת,וואס איז בכבודיק,ואס

איז ישר,וואס
איז ריין,וואס איז שיין,וואס איז מיט א גוטן נאמען,אויב עס איז א גוטע מדה
צו א לויב,טראכט פון די זאכן.
9 די זאכן האט איר מקבל געווען און געהערט און האט מיר געזען טון:און
דער גאט פון שלום זאל זיין מיט אייך.
10 אבער איך האב זייער געפרייט אינם האר ,און יעטצט האט אייער אויפאסונג
אויף מיר זיך באוויזן,און דערמיט זייט איר געווען פארזיכטיק אבער איר האט
געפעלט געלעגנקייט.
11 נישט אז איך רעד וועגן וואס פעלט ,ווייל איך האב געלערנט צו זיין צופרידן
אין וואס פאר א מצב איך בין.
12 איך ווייס ווי צו זיין אומבאזארגט און ווי צו זיין באזארגט:אין אלץ
און אומעטאום בין איך געלערנט צו זיין סיי פול און הונגעריק,סיי צו זיין באזארגט
און סיי צו זיין אין נויט.
13 איך קען אלץ טון דורך משיח ישוע ווער מאכט מיר שטארק.
14 דורך האט איר גוט געטון וואס איר האט אייטנגעטיילט אין מיינע צורות.

15 יעצט זאלט איר וויסן ,אייך פאליפע,אז אין אנהויב מבשר זיין דער גוטע
בשורה ווען איך בין אוועקגעאנגן פון מקודוניא ,האט קיינער נישט געדאגעט
מיר צו באזארגן,נאר אייך אליין.
16 ווייל אפילו און טעסאלאניקע איר האט מיר געשיקט נאכאמאל און נאכאמאל
דאס וואס איך האב געדארפט.
17 נישט אז איך וויל מתנות,אבער איך וויל פירות וואס זאל זיין זכותים פאר
אייך.
18 אבער איך האב אלץ און עס פעלט מיר גארנישט,איך בין פול מיט אלץ וואס
איר האט מיר געשיקט דורך עפרודיטוס,עס איז א זיסע ריח און א

טייערע מתנה וואולפעליק
פאר גאט.
19 אבער מיין גאט וועט אייך באזארגן מיט וואס איר דארפט לויט
זיין עשירות
אין הערליכקייט אינם זכות פון ישוע המשיח.
20 יעצט זאל זיין געלויבט גאט אונזער פאטער לעולם ועד.אמן.
21באגריס די אלע מאמינים אין ישוע המשיח ,די ברידער מיט מיר
שיקן אייך
גריסן .
22 אלע מאמינים באגריסן אייך בפרט די פון קיסארס קרייז.
23 דער חסד פון אונזער האר ישוע המשיח זאל זיין מיט אייך
אלעמען.
אמן